## III.

קיינער אין שטאָט געדענקט ניט גענוי, ווי דאָס איז פֿאָרגעקומען, כאָטש כּמעט אַלע זיינען געווען ניט נאָר לעבעדיגע עדות, נאָר אויך טיילנעמער פֿון דעם דאָזיגן אומגעווינלאַכן געשעעניש. ניט קוקנדיג אויף דעם, אָדער דוקא מחמת דעם, וואָס דאָס דאָזיגע געשעעניש האָט אַזוי אויפֿגעבראַכט גאַנצע שטעט, האָבן זיך דערנאָכדעם אַלע, ווי פֿון אַ חלום, אויפֿגעכאַפּט, זיך מיט גרויס מיה געקענט דערמאָנען דאָס איבערגעלעבטע. דערהויפּט האָט דאָס, דוכט זיך, ניט לאַנג פֿאָרגעקומענע — שוין באַלד אויסגעזעהען ווי אַ ווייטע, אַלטע לעגענדע, וואָס האָט שוין קוים פֿאַרמאָגט וועלכע ס'איז קאָנטורן פֿון אַ פֿאַקטיש לעבעדיגער מעשה. און די פֿאַרגאַפּטע פֿאַנטאַזיע האָט זיך געוואָרפֿן אין דערמאָנונגס־קראַמפּן און ניט וועלנדיג פֿאַרפֿלאָכטן געשעהענע און אויסגעטראַכטע איבערלעבונגען. נאָר אַלע געדענקען מער אָדער ווינציגער דייטליך פֿאָלגנדעס:

באַלד נאָכן גרויסן שבת איז חיים אַהיים געפֿאָרן. אַ קורצע צייט נאָכדעם (קיינער ווייס ניט גענוי ווען) האָט מען שוין חיימען ניט דערקענט. ער איז אייגנטלאַך ניט אַן אַנדערער געוואָרן, נאָר דאָס שטענדיגע פֿייער אין אים האָט פֿאַרבלענדנד־העל אויפֿגעפֿלאַקערט. די אומערטרעגלאַכע, כאָטש אפילו לאַנג ערוואַרטעטע עליה איז איבער זיין נשמה געקומען. דאָס לעבן אין און אַרום אים האָט זיך אַנטבלויזט אין זיין אומגעהייערער נאַקעטער

גאַנצקייט. ס'איז אַראָפּגעפאַלן פון דער וועלט דער שטענדיגער שיין פון כלומרשט טויטער באַזונדערקייט. ווערטער, אותיות, געשטאַלטן, ווירקונגען, געשעהענישן — אַליץ איז געוואָרן אומ־ערטרעגלאַך דורכזיכטיג. וואוהין נאָר ער האָט זיין בליק גע־ווענדעט — האָט זיך אָנגעהויבן ווי רויך צוגיין דער לעבנס־נעפּל פון דעם גאַנצן וועלט־פּאַרנעם, וועלכע איז דאָך טאַקע נאָר דער חיות אלקות. ער האָט זיך אפילו ניט אָפּגעשטעלט בײַ דער לעצטער קליינער פּשרה, וועלכע לאָזט נאָך וועלכע ס'איז וועלט־אָרדנונג. האָבן שוין די חבדישע תּורות פון זיך אַליין אַראָפּ־געוואָרפן די סאַמע דינסטע ווערטער־שאָלעכץ און אַנטפּלעקט זייער פאַרבלענדנד העלן ליכט־קוואַל. אַזוי האָט טאַקע אַליץ, וואָס איז געקומען אויף זיינע ליפּן אָדער זיך אין אים אָנגערירט, אָנגעהויבן צו לייכטן און צו גליען.

חיים האָט זיך אויסערלאַך ניט געענדערט. ער האָט נאָר אויסגעזעהען פייערלאַך־רוהיג און גליענד־שטיל. פון זיין גאַנצער מעכטיגער פיגור, פון זיינע פאַרקלערט־לייכטנדיגע אויגן, פון זיין שטענדיג הייסן אָטעם, פון דעם שטיל־גליענדן ציטער, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן ביז אויפן לעצטן קנייטש פון זיין קאַפּאָטע — פון אַליץ אין אים האָט געוויעט די פייערלאַכע רוה פון אַ אינערלאַך גייסטיגע באַנומענקייט. אויף אַליץ און אַלעמען האָט ער געקוקט מיט אָפענע, נאָר ניט זעהענדיגע אויגן, וועלכע האָבן טאַקע דערפאַר גאָרנישט ניט געזעהען, ווייל זיי האָבן שוין גאָר אַליץ געזעהען. דער כלומרשטיגער שיין האָט שוין גאָר־ניט פאַרדעקט. אויף זיינע ליפּן האָט אָנגעהויבן לייכטן עפּעס אַ מאָדנער שמייכל. אָנגעהויבן האָט זיך דער שמייכל עפּעס באַלכסונדיג־פאַרחלשט אין דעם רעכטן ווינקל פון זיין מויל און זיך באַלד מיט אַ ברען פאַרלוירן אין דער טיף פון דער שוואַרצער באָרד. אַזוי אַרום האָבן זיך קיים, קוים באַוויזן די ווייסע פאַרחלשטע ציין. איז שוין ניט

נאָר דער געזיכטס־אויסדרוק, נאָר אָט דער שמייכל אַליין האָט אַרויסגעוויזן עפּעס אַ אַנטציקנדע פֿאַרפֿאַלנקייט און מאוימדיג הוילע, מסירת־נפשדיגע נאַקעטע אַנטשלאָסנקייט.

האָט זיך טאַקע נאָר געוואָרפֿן אין די אויגן זיין אויפֿפֿירונג. אַ שטענדיג שטורמישער איז ער עפּעס געוואָרן אַזוי מאָדנע קאָנצענטרירט און שטיל־שווייגנד — עפּעס אַ פֿאַרגאַפֿטע דביקות־שטילקייט האָט איינגעזאַפּט זיין שטורמישן אומרוה. פֿון ליובאַוויטש זיינען אָנגעקומען פֿרישע כתבים פֿון די לעצטע רבינס מאמרים, וועלכע חיים האָט אָבער ניט געהזרט, ווי אַלע מאָל, פֿאַרן עולם. אַליין זעלטענער האָט מען אים געזעהען אויף חבדישע יומא־דפּגראס און חסידישע נעכטלאַך, וועלכע זיינען איינגיכן, ווי ער, פֿאַרגאַפֿט אַנטשווינגן געוואָרן. ניט וואָס ער איז פֿון מענשן געלאָפֿן אָדער זיך וויפֿיל ס׳איז אָפּגעזונדערט, נאָר ווען ער איז געשטאַנען צווישן עולם, האָבן אַלע ציטעריג געפֿילט זיין פֿאַרגאַפֿטע דביקותדיגע אָפּגעטראָגנקייט. די ערשטע טעג האָבן זיך חסידים נאָך דרך־ארצדיג געגלייכוועדטלט, מיט דער חבדיש העזהדיגער אויפֿגעבונדקייט.

— חיים טרינקט משקה אין עולמות העליונים...

— חיים זוכט שוין אַ ביסעלע ספּירט פֿון יין המשומר...

— ער דראַפּעט זיך שוין העכער פֿון די עולמות העליונים...

אַנדערע האָבן געלאָזט אין גאַנג חיימס ווערטער:

— „נחלים לוחשות“ פֿונם „קאַלך־אויוון“...

עלטערע חסידים האָבן זיך פֿון אָנהויב אָן באַצויגן מיט אַ אינערלאַכן חשד צו חיימס נייער אויפֿפֿירונג און זיך אָנגעהויבן באַלד פֿון אים צו דערווייטערן. אין זיין נייעם דרך האָט חיים ניט נאָר ניט געפֿרעגט דעם רבין אָדער זיך מיט אים אַ עצה געהאַלטן, נאָר ער האָט אפילו עפּעס ווי פֿאַרגעסן, אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ רבי אויף דער וועלט. עלטערע חסידים האָבן אויף אים געקוקט מיט דער זעלטזאַמער מינע, וואָס האָט ווי געהייסן: מיר

האָבן שוין לאַנג געוואוסט, אַז מיט אים וועט זיך גלאַט ניט ענדיגן. זיי האָבן מער געפילט, ווי פאַרשטאַנען, אַז די נייע כוואַליעס פון חיימס התלהבות וועלן ניט צעברעכן, נאָר פשוט פאַרפלייצן די אייזערנע זיילן פון דער חבדישער וועלט, די טוי-זנטיאָריגע אייביגע זיילן פון תורה און יידישקייט, וועלכער חבד האָט נאָר אויף זיין שטייגער באַנייט און באַלויכטן. פון חיימס נייער אויפפירונג האָט זיך געטראָגן עפעס אַ ניט-יידיש פאַר-פירערשער ברען פון אַ לחלוטין ניט איינגעהאַלטענער, סטיכיש פאַרפלייצנדער עליה.

אַחוץ דעם איז ביי עלטערע חסידים נאָך צו פריש געווען אין זכרון די מעשה פון דעם סטאַראָשעליער. דעם אַלטן רבינס אַ תלמיד, האָט דער סטאַראָשעליער כמעט מיט דערזועלביגער מסירת-נפשדיגער אַנטשלאָסנקייט, ווי חיים גראַוויצער (כאָטש אפילו אויף אַן אַנדער אופן), דערזעהען און אָנגעצונדען אין זיך דאָס גרויסע חבדישע ליכט פון געטלאַך-פשוטער שמחה און אויפגעהויבענער התלהבות. טאַקע נאָר אַרויס פון די כלים אין אמתן ביטול צו אלקות. אַזוי האָט זיך טאַקע נאָך דעם אַלטן רבינס הסתלקות די חבדישע וועלט כמעט געשפאָלטן: אַנדערע זיינען געפאָרן צום מיטעלן רבין און אַ טייל חסידים האָבן זיך גע-צויגן נאָך דעם סטאַראָשעליער. די חבדישע וועלט האָט זיך שטאַרק אַ וואַקל געטאָן. אין דער לופט האָט זיך שוין אַ ריח פון מחלוקת געטראָגן. דער שטן וואַרט דאָך און לעכצט נאָך וואַק-לעניש פון גרויסע נשמות... ס׳האָט געדויערט אַ שטיקל צייט און חסידים זיינען גענוג אויסגעשטאַנען, ביז מ׳האָט ווידער אויפ-געשטעלט די גאַנצקייט פון דער חבדישער וועלט אונטער דער פירונג פונם מיטעלן רבין. עלטערע חסידים האָבן טאַקע איצט מיט גרויס זאָרג געקוקט אויף דער נייער פאַרפלייצונגס-סכנה פון דעם גראַוויצער.

מ׳דערציילט, אַז נחום דער אַלטער שוחט האָט זיך טאַקע איינגעשטעלט און נאָך געפּרובט חיימען איבעררײדן. איינער פון די עלטערע זקנים, וואָס זיינען נאָך געפאָרן צום אַלטן רבי׳ן זכרונו לברכה, איז נחום דערצו געווען אַ „שאַרפע יאַרמלקע“. עטלאַכע און זיבעציג יאָר אַלט, האָט נאָך ביי אים די האַנט ניט געציטערט און ער האָט זיך נאָך אויסגעצייכנט צווישן יינגערע שוחטים. ווי אַנדערע עלטערע חסידים, האָט ער מיט שרעק צוגעקוקט, ווי מאוימדיג ס׳וואַקסט אין חיימען די פאַרפלייצנדע התלהבות, וואָס צינדט אָן און פאַרכאַפּט נייע מוחות און הער-צער. באַזונדערס האָט ער זיך דערשראָקן, ווען אפילו אייניגע עלטערע חסידים האָבן נישט געקענט ביישטיין און האָבן זיך געלאָזט פאַרפלייצן פון דעם שטיל-גליענדן שטראָם. איז ער שוין איינמאָל אין בית המדרש צוגעגאַנגען צו חיימען, האָט אים אַנידערגעלייגט די האַנט אויף די פּלייצעס און אַ זאָג געטאָן:

— דו ווילסט טאַקע, חיים, גאָר ווי אליהו הנביא אַ לעבעדי-גער אויפן הימל אַרויף. נאָר צייט אליהו הנביא האָט עס קיינער ניט געוואָלט נאָכטון. אפילו דער בעל שם, זכרונו לברכה, האָט זיך דאָס ניט געקענט פאַרגינען. ווארום ניט דאָס איז דער רצון הבורא, אַז וועלטן זאָלן זיך דערזעהען און פאַרשווינדן. ביי דער העכסטער מדרגה דאַרף מען דאָך ערשט האָבן תורה ומצוות, קיין שפּרענקאַלע אויף דער וועלט טאָר מען ניט פאַר-געסן — נחום די שאַרפע יאַרמלקע האָט דעם קול אויפגעהויבן און האָט זיך דאָס אַ וואָרף געטאָן — נאָר דער נחש הקדמוני, די גיפטיגע שלאַנג פון דער נשמה גייט נאָך כלומרשט ווייטער פון דעם רצון הבורא. אָט דאָס איז די תקיפות פון דער סטרא אחרא. וואָס קלערסטו זיך? דו מיינסט אין דער אמתן, אַז דו וועסט זיך לאַנג רב׳קען. אפילו דער סטאַראָשעליער איז דאָך אַזוי ווייט ניט געגאַנגען. און דערצו...

נחום האָט זיך אין מיטן אָפּגעשטעלט. ער האָט פּלוצים באַמערקט, אַז חיים הערט אים ניט, אָדער, ריכטיגער, חיים הערט אין זיינע ווערטער עפּעס לחלוטין ניט דאָס, וואָס ער נחום וויל זאָגן. עפּעס ווי פּלוצים האָט נחום דערזעהען חיימס אָפּענע, אומ־געוויינלאַך ליכטיג פּנים. האָט ער נחום שוין דערפילט, אַז די האַרבסטע ווערטער צעגייען זיך אין דער שטיל גליענדער גאַנצ־קייט פון חיימס התלהבות, ווי שטיקער אייז אין אַ פייער־אָפּגרונט.

— נחום! טו נאָר אַ רעכטן קוק, האָט חיים צו אים גע־זאָגט, שטראַלנדיג מיט זיין פאַרחלשטן וואונדער־שמייכל, — ווייסטו שוין דערזעהען און דערהערן, אַז ס'איז טאַקע גאָר „אין עוד מלבדו". הערסט, אין עוד מלבדו — ניטאָ גאָר נישט אַחוץ אים! ס'איז אַזוי גרינג אויפהייבן און אויסלייזן אַלע וועלטן. מ'טאָר אַ רגע ניט פאַרלירן. ס'שיינט דאָך שוין אומעטום דאָס אייביגע ליכט פון אין עוד מלבדו. נחום, טו נאָר איין רעכטן קוק...

ס'איז שוין אַזוי מאָדנע, אַז נחום די שאַרפע יאַרמלקע שטייט נאָר אַ צעמישטער. דאָס האַרץ האָט ביי אים פּלוצים פאַרחלשט. עפּעס אַ פאַרפלייצנדע מתיקות האָט אים אַרומ־גענומען און מאָדנע אָפּגעשוואַכט. וואָס טוט זיך עס דאָ? חיימס אָפּענע אויגן קוקן אים גלייך אין דער נשמה אַריין און די רייד חיימס דרינגען עפּעס אַליין אַריין אין די ציטערינגע טיפעניש — וועקן, ציהען, ציהען... אַזוינס האָט ער, נחום, געפילט, ווען נאָך אַ זעכצניאָריגער ייִנגל האָט ער צום ערשטן מאָל געהערט הסידות פון דעם אַלטן רבין, זכרונו לברכה. אפשר וואָלט ער טאַקע געבליבן ביי חיימן אַ ווײַלע — נאָר אויף צו זעהען... וואָס? נחום האָט זיך שוין טאַקע גאָר דערשראָקן פאַר זיך, דערפילנדיג עפּעס פאַרפלייצנדעס, פאַרכאַפּנדעס... נאָר דווקא די ציהענדע מתיקות, די פאַרפלייצונגס־געפאַר האָבן געוועקט ביי אים אַ חשד פון סטרא אחרא און אַרויסגערופן אין אים די מסירת־נפשדיגע איבערגעבנקייט פון אַ אַלטן חסיד, וואָס שטייט אויף דער וואַך

פון די אייזערנע חסידישע יסודות. האָט ער זיך האַסטיק אַ קער געטאָן און זיך געלאָזט לויפן פון בית המדרש. ער איז געלאָפן, ניט אומקערנדיק אפילו איינמאָל דעם פנים... מ׳זאָגט, אַז ניט פאַרגייענדיק אפילו אַהיים, האָט ער לויפנדיק פון בית המדרש זיך געלאָזט גלייך צופוס אין ליובאַוויטש.

טאַקע, ווער ס׳האָט זיך נישט געשטעלט חיימען אויפן וועג, דער האָט ניט געקאָנט בייַשטיין. אונטער די אויגן האָט מען נאָך שטאַרק געקענט צווייפלען, חקרנען, מורא האָבן, איבער־קלערן. דערזעהט מען אָבער חיימען — ווערט מען שוין אָהן ווער־טער אַנטציקנד־שטיל און נשמהדיק פאַרגאַפט פון דעם שטיל גליענדן ציטער, וואָס האָט געווייעט אפילו פון דעם לעצטן קנייטש אין זיין ברייטן שוואַרצן גאַרטל. ווי אַזוי איז דאָס געשעהן? פאַרוואָס און ווי אַזוי כאַפּט זיך דאָס אויף פלוצים ביי יעדן ווי פון יענער זייט נשמה די שטענדיק איינגעדרימלטע, מאוימדיק פשוטע שמחה, וואָס מאַכט דעם מענשן און אַלץ אַרום אים אַזוי אַנטציקנד־שטיל און ליכטיק? ס׳פאַלט גאָר קיינעם ניט איין זיך די דאָזיגע פשוטע פראַגן צו שטעלן. דער שטיל גליענדער שטראָם פון מאוימ׳דיק פשוטער התלהבות האָט שוין די נשמה עפּעס ווי פון אינעווייניג דורכגעדרונגען. נאָך עד היום, אַז מ׳דערמאָנט זיך, הערט מען זיך נישט אויף צו וואונדערן, פאַרוואָס האָט מען זיך דאמאָלס אַזוי ווייניג געוואונדערט. ס׳האָט זיך יעדן געדוכט, אַז ער איז פשוט געקומען צו זיך, אין די לחלוטין אָפענע היכלות פון דער אייגענער נשמה.

צום אָנהויב פון יענער צייט האָט זיך חיים איינמאָל נאָך מעריב געזעצט מיטן עולם צום טיש אויף א חסידיש ביסל בראָנפן. ווי אַלע מאָל, האָט מען געבראַכט ריינעם ספּירט. מ׳האָט שוין אָנגעגאָסן פולע גלעזלאַך. נאָר איידער מ׳האָט נאָך צייט געהאַט אַ ברכה אויף דעם בראָנפן צו מאַכן, איז דער גאַנצער עולם פאַרגאַפט אַנטשוויגן געוואָרן. אין איין רגע האָט זיך דער שטיל

גליענדער ציטער אויף אַלעמען צעגאַסן. חיים האָט אָנגעהויבן מיט דעם שטענדיג פאַרחלשטן שמייכל צו ריידן וועגן דעם ענין פון „אין עוד מלבדו". איז אָבער מערקווירדיג, אַז קיינער געדענקט היינט נישט זיינע מאמרים פון יענער צייט, וועלכע האָבן דאָך דאַמאָלס אַלעמען אַזוי אויפגעבראַכט. מ'געדענקט נאָר, אַז די סאַמע פּראָסטע סקאַרבאָווע ווערטער פון חסידות האָבן דאַמאָלס בײַ חיימען אָנגעהויבן גאָט ווייס ווי אַזוי צו לייכטן און צו גליען. ס'איז רעכט צו זאָגן, אַז טאַקע נאָר דאַמאָלס האָט מען זוכה געווען צו זעהן, וואָס הייסט אין עוד מלבדו. אַלץ און אומעטום איז גאָט. האָבן שוין אַלע ממש דערפילט די גאַנצע מאוימדיגע פּראָסטקייט פון אָט דעם גליענדן אמת, די אומערטרעגלאַך קלאָרע שמחה. און מיט יעדן וואָרט חיימס וואַקסט די כלות־הנפשדיגע פּראָסטקייט, אין וועלכער ס'צעגייען אָרט און צייט. האָט שוין קיינער לחלוטין ניט באַמערקט ווי לאַנג חיים האָט גערעדט. נאָר עפּעס ווי אין מיטן די רייד האָט חיים אויפגעהויבן זיינע אָפענע אויגן צו די פענסטער און געזאָגט:

— די נאַכט גייט שוין אויס... און די זון גייט אויף אין דעם תשוקה־געזאַנג פון אין עוד מלבדו... לאָמיר, יידן, גיין אין וואַסער...

מ'האָט זיך שטיל אויפגעהויבן פון טיש, אויף וועלכן ס'זיינען נאָך געשטאַנען אומבאַרירט די אָנגעגאָסענע גלעזלאַך ספּירט. און ווען מ'איז אַרויס אויפן גאַס, האָט שוין טאַקע אָנגעהויבן באַגינען. די ערד איז געלעגן פאַרחלשט. אָהן ווערטער און באַוועגונג. און אין חלל האָבן בלאַסע באַגינען־שטראַלן געפלאָכטן א תשוקה געזאַנג פון דער אויסגייענדיגער שטילקייט:

— אין עוד מלבדו!..

האָט זיך אָט וואָס געטראָפן. שבת אינדערפריה נאָכן דאַווענען, ווען אַלע האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין, איז חיים נאָך געשטאַנען דביקות'דיג אומבאַוועגלאַך אין זיין

ווינקל, וואו ער האָט געדאַוונט. ער איז געשטאַנען מיטן פנים צו דער וואַנט, דעם טלית איבערן קאָפּ, נאָר די פּלייצעס אונטערן טלית האָבן שוין גליענד געציטערט. האָבן זיך פון דעם ווינקל געטראָגן מאָוימדיג זיסע קלאַנגען. חיים האָט מיט אַ מאָדנער מתיקות תפלהדיג פאַרגאַפט געזונגען. איז שוין ווייטער דאָס זעלבע. קיינער געדענקט היינט נישט יענע וואונדער־נגונים. מ׳געדענקט נאָר, אַז זיי האָבן זיך ווי אַ גליענדע פרייד אין דער נשמה געגאָסן. האָבן שוין ניט נאָר חסידים, נאָר דער גאַנצער עולם (פשוטע קרעמערס, בעלי מלאכה, סתם בעלי בתים) האָט דערהערט אין זיך דעם תשוקה־געזאַנג פון אין עוד מלבדו. טאַקע יעדער האָט געפילט די זעלטן פשוטע גרינגקייט פון דער אמתער התעלות.

און אַז דער עולם איז געקומען דעמזעלבן שבת פאַרנאַכט צו מנחה, האָט מען געטראָפן חיימען נאָך דאַוונענדיג אין דעמזעלבן ווינקל, וואו מ׳האָט אים אינדערפריה געלאָזן. ער איז נאָך אפילו געשטאַנען אין דערזעלבער דביקות׳דיג אומבאַוועגלאַכער פּאָזע, ווי אינדערפריה: מיטן פנים צו דער וואַנט, דעם טלית איבערן קאָפּ, שטיל צוקנדע פּלייצעס. נאָר די מאָוימדיגע מתיקות פונם זינגען איז שוין געוואָרן טאַקע ממש אומגעהויער.

א לאַנגע צייט שפּעטער האָבן זיך איינינע חבדניקעס געפּרובט אויף זייער שפּראַך און שטייגער אויסטייטשן די הויכע מדרגה פון יענעם זינגען. דאָס איז אַ געזאַנג, פלעגט מען דערנאָכדעם פּרובן זאָגן, פון אַ נשמה וואָס דערהערט אין זיך די אמת ליכטיגע אויס־נשמה. אויס־נשמה און נשמה לייכטן איינע אין די אַנדערע און ווערן גלייך בטל אין אלקות. ניין, ניט דאָס, ניט דאָס! ס׳איז נאָך העכער פון אהבה רבה בתענוגים. דאָס איז אַ געזאַנג פון די באַשאַפענע וועלטן, וועלכע דערהערן אין זיך אלקות, גלייך ווי זיי וואָלטן נאָך גאָרניט באַשאַפן געוואָרן. באַשאַפן און ניט באַשאַפן געוואָרן — ביידע זיינען באַזונדער

און פֿאַראייניגט אין אלקות. דאָס באַהעפֿטעניש פֿון „זיין“ און „ניט־זיין“, פֿון „יש“ און „אַין“ אין דעם אור אין סוף. דאָס „פֿאַראַן“ און דאָס „ניטאָ“ פֿון דעם כּלומרש׳דיגן שיין, קודם הצמצום און לאחר הצמצום — לייכטן איינע אין די אַנדערע און ווערן בּטל אין עצמות אלקות...

נאָר אָט די אַלע פֿאַרשפּיצטע רייד קענען ניט אַרויסגעבּן דעם טעם פֿון אַ געזאַנג, וואָס איז העכער פֿון יעדן וואָרט און נאָמען. שוין בּעסער רעד נישט, זאָגט נישט קיין איינציג וואָרט. קיין איינציג וואָרט! די שמחה איז דאָן אין בּית המדרש געווען גרויס, אומגעהויער גרויס. אַלע זיינען פֿאַרגאַפֿטע און בּלאַסע געשטאַנען, ניט אַראָפּנעמענדיג קיין אויג פֿון דעם גליענדן ווינקל. וואָס מער ס׳בּרענט, אַלץ מער הייבּט עס ערשט אָן צו בּרענען, אַלץ מער ווערט עס ניט אויסגעבּרענט. האָט זיך שוין דער שטיל גליענדער ציטער איבּער דער גאַנצער שול צעגאָסן. ווי אַנטציקנד דערשראָקענע קינדער האָט מען זיך איינע צו די אַנדערע געטוליעט און שטילערהייט געשעפּטשעט:

— חיים גראַוויצער, חיים גראַוויצער..

און ערשט שפּעט אין אָוונט, שבּת צונאַכטס, ווען אין גאַנץ שטאָט האָבּן שוין לאַנג וואָכעדיגע פֿייערלאַך געבּרענט, האָט זיך חיים עפּעס ווי פּלוצים אומגעקערט מיטן פּנים צום עולם. אַ ציקאַווע זאַך — מ׳געדענקט דאָס נאָך ווי היינט. מיט אַנטציקנדער געלאַסנקייט האָט חיים אַראָפּגענומען און צונויפֿגעלייגט דעם טלית. און כאָטש אויפֿן שטיל פֿלאַקערנדיגן פּנים האָט נאָך געגליט דער פֿאַרחלשטער שמייכל, האָט ער דאָך אַזוי געשיקט אָנגעטאָן דאָס היטל אויף דער יאַרמלקע און דעם שבּת־אויבּערמאַנטל אויף די פּלייצעס. און קוקנדיג אויף אַלץ און אַלעמען מיט ליכטיג אָפֿענע, נאָר ניט זעהענדיגע אויגן, האָט ער דביקותדיג לאַנגזאַם מיט פֿאַרגאַפֿט זיכערע טריט דעם בּית המדרש פֿאַרלאָזן.

זיינען אַלע נאָך אַ לאַנגע צייט נאָכדעם פאַרגאַפטע און בלאַ־
סע אין שול געשטאַנען. ס'האָט זיך ניט געוואָלט איבעררייסן
די העל גליענדע שטילקייט. מ'האָט זיך נאָך אַלץ ווי אַנטציקנד
דערשראָקענע קינדער איינע די אַנדערע אָנגעקוקט.

— וואָס זאָגסטו, וואָס זאָגסטו?..

— חיים גראַוויצער!..

ניט וואָס חיימס געשטאַלט איז ביי יעדן פאַר די אויגן גע־
שטאַנען. נאָר יעדער האָט אין זיך אַליין דערהערט און דער־
פילט דאָס ליכטיגע תשוקה־געזאַנג, וואָס האָט אַלץ מער און
מער פון יענער זייט נשמה געטראָגן די אומערטרעגלאַך הוילע
שמחה, אָט יענע מאָדנע אַנטציקנדע פאַרפאַלנקייט. היינט
אַז מען דערמאָנט זיך, באַגרייפט מען שווער אַזוינע זאַכן, וואָס
זיינען דאַמאָלס אַזוי קלאָר געווען. מ'איז דאַמאָלס לחלוטין
ניט אויסן געווען חיימען. נאָר ציהענדיג זיך צו חיימען, האָט מען
זיך איינגעטלאַך געצויגן צו דעם תשוקה געזאַנג פון אין עוד
מלבדו, וואָס האָט שוין אין יעדער ברוסט געפלאַטערט, צו דעם
ליכטיגן אָפּגרונט, וואָס האָט זיך שוין ביי יעדן אין דער איי־
גענער נשמה געעפנט. חיימס געשטאַלט איז נאָר געווען אַ פאַר־
גאַפטער וואונק, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם ליכטיג גליענדן
תוך פון דעם אמתן נשמה־לעבן אין יעדן מענשן. טאַקע יעדער
האָט מאוימדיג קלאָר דערפילט דאָס אייביג ברענענדיגע נשמה־
ליכט פון אין עוד מלבדו.

— אין עוד מלבדו — ניטאָ גאָרנישט אַ חוץ אים אַליין.

און לחלוטין פאַרלירנדיג זיך, האָט יעדער זיך ערשט רעכט
געפונען. נשמות האָבן זיך טאַקע דאַמאָלס גאָר אויף אַ נייעם
אופן אָנגעצונדן. ניט אומזיסט האָט מען עס דערנאָכדעם גע־
רופן די „גרויסע שרפה“.

און אַרויסגייענדיג פון שול האָט שוין דער עולם ניט גע־וואָלט און ניט געקאָנט זיך באַפרייען פון דעם ליכטיגן תשוקה־געזאַנג.

ס׳איז דאַמאָלס אַ שיינע זומערדיגע לבנה־נאַכט געווען. די לבנה האָט אויף אַלץ געקוקט מיט ליכטיגע, נאָר ניט־זעהענדיגע אויגן. זי האָט זיך פאַרגאַפט נעדריט צווישן ליכטיגע שטערן און קלאָר ווייסע וואָלקנס. די ערד האָט נאָר די זכיה געהאַט אויף איר צו קוקן. איז שוין אָבער דערפון אַליין די שוואַרצע פינסטערער ערד נתעלה געוואָרן אין אַ ליכטיג זילבערנע לבנה־וועלט.

אַן ערך אַ שעה פאַר האַלבער נאַכט זיינען אין די גאַסן אַרום די הייזער, ווי ס׳פּאַסירט אָפט אין אַ זומערדיגער נאַכט אויפן בעל־הבתישן שטייגער, רעדלאַך מענשן געשטאַנען, וועלכע האָבן אָבער איצט צוזאַמען עפּעס מאָדנע פאַרקלערט געשוויגן אָדער שטילערהייט גערעדט:

— חיים גראַוויצער, חיים גראַוויצער...

פּלוצים איז עפּעס, רחמנא לצלן, ווי אַ בלינדע סטיכיע אויף אַלעמען אָנגעקומען. פאַרשיידענע רעדלאַך האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן. ס׳איז אין איין רגע אויסגעוואַקסן אַ גרויסער עולם, וואָס האָט זיך פאַרשמאַכט געלאָזט לויפן, טאַקע ממש ווי באַנומענע. מ׳איז אַריבערגעקראָכן, גאָט ווייס ווי אַזוי און צוליב וואָס, עפּעס איבער אַ פּלויט, זיך דערקליבן צו די פענ־סטער פון חיימס שטוב. די פענסטער זיינען געווען אומבאַ־לויכטן. מ׳האָט זיך פאַרשמאַכט צוגעקוקט און אין איין פענסטער האָט מען דערזעהן: נעבן סאַמע פענסטער איז געזעסן חיים גראַ־וויצער, באַגאָסן פון לבנה ליכט. די הענט שטיל צונויפגעלייגט אַרום גאַרטל, דער פאַרחלשטער שמייכל אויפן גאַנצן פּנים פאַרגאַפט צעגאָסן. האָט מען שוין אין זיין פּנים דערזעהן אַזוינס, פון וואָס ס׳האָט זיך ממש געהויבן דער מוח. זיינען מענשן געפאַלן אויף די פנימער און פאַרגאַפט געשריגן:

— חיים גראַוויצער, חיים גראַוויצער!..

אויף מאָרגן האָט מען נאָך די קראָמען געעפנט. די וועלט האָט זיך אויף איר שטיינער געפּירט. ווי אַלע מאָל איז חיים גראַוויצער געגאַנגען אינדערפריה פאַרביי די קראָמען אין בית־המדרש. זיינען פון די קראָמען אַרויסגעלאָפן קרעמער אין די פאַרשמאָלצענע קאַפּאָטעס. און נאָכקוקנדיג חיימס פאַרגאַפּטע זיכערע טריט, האָבן זיי זיך ווי די קינדער געטוליעט איינער צום אַנדערן און שטילערהייט געשעפּטשעט:

— חיים גראַוויצער, חיים גראַוויצער!..

ניט ווייט פון בית המדרש זיינען פון די הייזער אַרויס ווייבער און קינדער און הויבנדיג די הענט צו חיימען מיט גרויס שמחה געשריגן:

— חיים גראַוויצער, חיים גראַוויצער!..

האָבן שוין אַלע פאַרשטאַנען, אַז אַזוי קען זיך שוין דאָס לאַנג ניט ציהען. אָדער אַלע וועלן זיך שוין גאָר אויפהויבן צו חיימען און וועלן מיט אים צוזאַמען אויסגיין אין דעם תשוקה־געזאַנג פון אין עוד מלבדו, אָדער חיים וועט, חלילה, צוריק צו די מענשן אַראָפּפאַלן. אַלע האָבן געפילט, אַז אַ גרויס פייער שוועבט אויף דער שטאָט, וועלכע ברענט שוין איינגטלאַך — אָט אָט וועט די „גרויסע שרפה" אין אומגעהייערע פלאַמען אויסברעכן.

האָט דאָס שוין טאַקע געטראָפן דעמזעלבן טאָג פאַרנאַכט. עפּעס ווי פלוצים האָט זיך דער שטיל־גליענדער ציטער איבער דער גאַנצער שטאָט צעגאָסן. קיינער געדענקט היינט נישט גע־נוי, ווי אַזוי ס'האָט זיך אָנגעהויבן. גאָט ווייס פון וואַנען און ווי אַזוי האָט זיך עס אַרום פאַרנאַכט ווי אַ פאַרבלענדנד־העלער בליץ די גאַנצע שטאָט דורכגענומען עפּעס אַ אומגעוויינלאַכע ידיעה. די דאָזיגע ידיעה האָט, ווי ס'פּאַסירט אָפטמאָל, דוקא דערפאַר אויסגעזעהען באַזונדערס אומגעוויינלאַך און אומער־

וואַרטעט, ווייל מ׳האָט שוין אויף איר לאַנג מיט אַזאַ אָנגע־
שטרענגטער, כאָטש באַהאַלטענער אומגעדולד געוואַרט. ווי אַ
מאוימדיג־ליכטיגע בשורה האָט עס אַלעמען איבעראַשט:

— חיים גראַוויצער, חיים גראַוויצער רופט... ער רופט...

— וואָס? חיים גראַוויצער אַליין?..

עפּעס אַ מאָדנע אַנטציקנדע אימה איז אויף דער שטאָט אָנגעפאַלן. מ׳געדענקט דאָס נאָך ווי היינט. מענשן האָבן אַליץ פון די הענט געוואָרפן, קרעמער האָבן אפילו די קראָמען ניט גוט פאַרמאַכט. אַלע האָבן זיך פאַרגאַפּטע געלאָזט לויפן. ס׳איז אזש געוואָרן שוואַרץ אין די גאַסן. פון אַלע עקן שטאָט, פון פאַרשיידענע גאַסן איז מען געלאָפן דורכן מאַרק אין דער אַלטער שול, פון וואַנען חיים איז נאָך היינט ניט אַרויסגעגאַנגען. אַ געוואַלטיגער מענשן־שטראָם האָט זיך מיט גרויס אימפּעט אַריינגעגאָסן אין שול. מ׳האָט געעפנט טיר און פענסטער, דורך וועלכע ס׳האָבן פאַרשמאַכט אַריינגעקוקט הונדערטער מענ־שן. ווי אַ אינערלאַך ברויזנדער ים, האָט דער עולם ניט אויפ־געהערט צו וואַקסן. מיט יעדער רגע האָבן זיך צו דער שול נייע כוואַליעס פון מענשן געטראָגן. נאָר קיינער האָט לחלוטין ניט געפילט די אוממענשלאַכע ענגשאַפט. פאַרגאַפּטע און איבעראַשטע, האָבן אַלע ממש מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם געזעהען און געהערט חיימען, וואָס איז געשטאַנען עפּעס אויף אַ באַנק מיט אַ ליכטיג שמייכלענדיג פנים און מיט אַ אומפאַרשטענד־לאַך־אַנטציקנדער רוה גערעדט. יעדעס איינציג וואָרט האָט זיך ממש אין יעדנס נשמה אָפּגערופן און געלויכטן. האָט שוין מיט יעדן וואָרט אָנגעהויבן אומגעהייער צו וואַקסן די אַזוי ווייטע און אַזוי נאָהענטע מאוימדיג קלאָרע שמחה. דער מאמר, ווי אַלע זיינע מאמרים פון יענער צייט, איז אין זכרון ניט געבלי־בן. מ׳געדענקט אָבער ווי היינט, אַז יעדעס וואָרט האָט מיט אומערטרעגלאַכער שמחה געבלישטשעט, ווי אַ אַנטבלויזטער

פייער־שווערד, וואָס צערייסט די לעצטע שיריים פון דעם כּלומרשדיגן לעבנס־נעפּל. האָט שוין דאַמאָלס יעדער ניט נאָר פאַרשטאַנען, נאָר אויך ממש געפילט, אַז ווי אַ שטרוי־דמיון איז פאַרשוואונדן די שיין־מחיצה, וואָס טיילט כּלומרשט אלקות און וועלט, נשמה און אויס־נשמה, אפילו דאָס זיין און ניט־זיין פון דעם שטרוי־דמיון, פון דער שיין־מחיצה אַליין. טאַקע גאָר אין עוד מלבדו. איז שוין יעדער אָטעם, יעדער קער געווען מיט שמחה אָנגעזאַפּט. באַלד האָבן גאַנצע ימים פון שמחה געזאָלט פאַרפלייצן דעם עולם. איז אָבער דער עולם, ווי חיים, געווען שטאָל און אייזן. מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט מען געטרונקען די ליכט פון חיימס רייד. און וואָס מער מ'טרינקט, אַלץ מער ווערט מען דורשטיגער. פּלוצים האָט זיך דער גאַנצער עולם ווי איין מענש אַנטציקנד אַ כאַפּ געטאָן, אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך און מיט גרויס שמחה פאַר־גאַפּט געשריען:

— אין עוד מלבדו, אין עוד מלבדו!..

דאָס האָט מען אַפּנים אַזוי אונטערגעכאַפּט חיימס ווער־טער. ממש די ערד האָט אַ ציטער געטאָן פון דעם יובל־געשריי. חיים האָט אינגאַנצן געשטראַלט. קוקנדיג אויף אים, האָט מען באַקומען נאָך מער כּחות צו טראָגן די אומגעהויער וואַקסנדע שמחה, די אומערטרעגלאַכע עליה, וואָס איז איבער יעדער נשמה געקומען. מ'האָט שוין נישט נאָר געפילט, נאָר ממש געאָטעמט מיט דעם איין און איינציגן פּשוטן אמת, וואָס איז געווען אַזוי מאַוימדיג קוויקנד:

— אין עוד מלבדו... ניטאָ גאָרניט אַחוץ אים...

פּלוצים האָט חיים עפּעס אַזוי מאָדנע צונויפגעלייגט די הענט אויף דער ברוסט, ווי נאָר איינינגע טוען עס פון דביקות ביי דער שטילער שמונה־עשרה. מיט אַ ליכטיג שטראַלנדן פּנים און מיט גרויס געזאַנג איז חיים און נאָך אים דער גאַנצער

עולם אַרוים אויפֿן גרויסן פּלאַץ, וואָס צווישן דער שול און דער לעצטער רייע קראָמען אונטערן מאַרק. אַ גליקלאַך שיינע לבנה־נאַכט האָט דעם פֿאַרגאַפּטן עולם אירע פֿאַרשמאַכטע אָרעמס געעפֿנט. איז דאָס געווען פּשוט אַ נס מן השמים, וואָס מענשן, בשׂר ודמס, האָבן אַזוינס געקענט דאמאָלס אַריבערטראָגן. די לעצטע הימלען האָבן זיך געעפֿנט. ס'האָט זיך אויף מענשן אַ לאָז געטאָן ממש אַ מבול פֿון ליכט און שמחה. חיים איז אַ שטראַלנדיגער צו אַ יונגן בוים צוגעגאַנגען, אים מיט די וואָרצל אויסגעריסן און זיך ווי אַ גליענדער וויכער געטראָגן:

— אין עוד מלבדו!.. אין עוד מלבדו!..

דער עולם האָט זיך ווייטער ווי איין מענש אַ כאַפּ געטאָן, פֿאַרגאַפּט די הענט אין דער הויך געהויבן און מיט אומגעהייערער שמחה געשריגן:

— אין עוד מלבדו!.. אין עוד מלבדו!..

ווי אַ ליכטיג שטילער ים האָט זיך אַ פֿאַרגאַפּט געזאַנג אין דער לבנה־נאַכט געהויבן. מענשן האָבן זיך מיט קינדערשער תמימות־דיג אַרומגענומען און שטיל־גליענד געטאַנצט.

נאָך פּאַר באַגינען איז מען מיט געזאַנג פֿון שטאָט אַרוים. האָט נאָך אַ לאַנגע ווילע אָפּגעהילכט אין שטאָט דאָס פֿאַרגאַפּטע געזאַנג. אַזוי איז מען געגאַנגען און אָנגעצונדן איין שטאָט נאָך דער אַנדערער. און אין וואָסער שטאָט מ'איז ניט געקומען, האָבן שוין אין דער לופֿטן געפֿלאַטערט, ווי די מאָוימדיגע קלאַנגען פֿון אַ אומגעהויערן וואונדער־גלאָק:

— אין עוד מלבדו, אין עוד מלבדו...

איינער אַ אַלטער חסיד איז געלאָפֿן דאַן קיין ליובאַוויטש צום רבין. מ'דערציילט, אַז גלייך פֿון וואגן איז ער אַריינגעלאָפֿן מיט אַ אימפּעט צום רבין אין חדר.

— רבי! דער ים איז אַרוים פֿון די ברעגעס..

דער רבֿי האָט זיך ניט פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט. ער האָט זיך מאוימדיג אָפּגעשפּאַרט. אין אַ שעה אַרום איז אַרויסגעפֿאָרן אַ רייטער מיט דעם רבֿינס אַ בּריוו צו חיים גראַוויצער. נאָר אין אַ האַלבער שעה אַרום איז שוין געלאָפֿן אַ צווייטער רייטער אומקערן דעם ערשטן. אַזוי האָט דער רבֿי זיין בּריוו צוריקגענומען און מ׳וויים עד היום נישט, וואָס ער האָט געשריבֿן.

דערווייל האָט זיך אויפֿגעהויבֿן איין שטאָט נאָך דער אַנדערער. נאָך חיימען איז שוין נאָכגעגאַנגען אַן עם רבֿ. אַלט און יונג האָבֿן זיך פֿאַרגאַפֿט געטראָגן אין דער „גרויסער שרפֿה“ פֿון אין עוד מלבדו...

האָט שוין אָט וואָס געטראָפֿן. ערגעץ אַרום אַ שטעטל איז חיים געשטאַנען און אויף זיין נייעם וואונדער־שטיינער גערעדט פֿאַרן עולם. פּלוצים האָט זיך צו אים גאָט ווייס ווי אַזוי אַ רייטער דורכגעריסן און אים אַ טרויעריגע בּשורה געבּראַכט: חיימס בּן־יחיד, יוסעלע, ליגט אַ גוסס אויפֿן קראַנקן־בּעט און בּעט רחמים דעם טאַטן, ער זאָל צו אים קומען. ניט נאָר חיים, נאָר אַלע האָבֿן מיט שטראַלנדיגע פּנימער די ידיעה אויפֿגענומען. וואָס איז דען טויט? טויט און לעבֿן ווערן דאָך גלייך בּטל און נכלל אין אלקות. האָבֿן זיך שוין ווייטער אַלע ווי איין מענש אַנטציקנד אַ כאַפּ געטאָן, פֿאַרגאַפֿט די הענט אין דער הויך געהויבֿן און מיט גרויס שמחה געשריגן:

— אין עוד מלבדו, אין עוד מלבדו!..

חיים און דער גאַנצער עולם האָבֿן זיך מיט גרויס גערזאַנג געלאָזט גייען אין חיימס שטאָט, וואו יוסעלע איז איצט אַ גוסס געלעגן.

חיימס זון יוסעלע איז גאָר ניט געראָטן אין פֿאָטער. אַ מיטלוואוקסיגער, אַ שוואַכער, מיט אַ קלייניטשקע בּערדעלע, מיט אַ מאָדנעם קינדיש־בּלאַסן פּנים און שטילע בּלויע אויגן — איז ער יוסעלע שטענדיג געווען אַ אומגעווײנלאַך צניעותדיג־שטילע און שעמעוודיגע נאַטור. טאַקע גאָר — א נחבא אל הכלים. קינ־